אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
פינחס
כ' תמוז שנת תשפ"ד

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק
ווערטער, אין
אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א
ישיבת רבי חיים עוזר » 347-897-9968 \ 058-323-1459

בס"ד

# לעבן מיט א תמימות, איז דער שליסל צו לעבן מיט די אמונה אז קיינער קען איהם גארנישט צונעמען!!!

**» די גרויסע טובה  וואס איז ארויסגעקומען פון דעם וואס פינחס איז נישט געזאלבט געווארן פאר א כהן ביז ער האט נישט גע'הרג'עט זמרי**

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (כה, יג) וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם, תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹהָיו, וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, און **רש"י** איז דארט מסביר "כאטשיג מען האט שוין אויסגעטיילט די כהונה פאר די קינדער פון אהרן, איז עס איז אבער נישט געגעבן געווארן נאר פאר אהרן און די קינדער וואס זענען געזאלבט געווארן צוזאמען מיט איהם, און פאר זייערע קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן נאך זיי, אבער פינחס וואס איז שוין געווען געבוירן דעמאלטס, און מיט דעם אלעם איז ער נישט געזאלבט געווארן, איז נישט געווען קיין כהן". און אזוי שטייט אויך אין גמרא (**זבחים** קא:) "פינחס איז נישט באשטימט געווארן צו זיין קיין כהן, ביז ווען ער האט גע'הרג'עט זמרי".

**די** ספר **דרש מרדכי** ברענגט ארויס א זייער גרויסע מוסר השכל פון דעם, ווי פאלגענד: מען דארף זיך מתבונן זיין און די אינטרעסאנטע וועג ווי אזוי די באשעפער פירט זיך מיט די מענטשן פון די וועלט, וואס איז איין שטיק חסד און רחמים, וואס אפי' עס מאכט זיך אז עס זעהט אויס פארן מענטש אז עס איז איהם געשען עפעס א שלעכטס, באמת האט דאס די באשעפער אינטער געפירט נאר פאר זיין גוטס".

"**אז** מען טראכט אריין קענען מיר זעען א געוואלדיגע דערהויבענקייט אין די אויפירונג פון פינחס. פינחס האט דאך געזעהן ווי זיין גאנצע משפחה ארום, זיין טאטע און זיידע, פעטער'ס און קוזענ"ס, דינען פערציג יאר אין מדבר אלץ כהנים, און ער נישט, און ער וואלט געקענט האבן פון דעם א געוואלדיגע צער, אבער אין אמת'ן זעען מיר אז עס איז ארויס געקומען פון דעם נאר גוטס, ווייל נאר אזוי האט ער געקענט מקיים זיין די מצוה פון הרג'ענען זמרי, און פון דעם איז ארויס געקומען נאך מער גוטס אז ער איז אפגעשיידט געווארן צו זיין א כהן, און עס שטייט אין תוספות אז אלע כהנים גדולים אין בית ראשון און בית שני זענען געווען אייניקלעך פון פינחס, און נאך צוגאב צו דעם אלעם, האט ער נאך זוכה געווען צו די גאר דערהויבענע דרגה ארויפצוגיין לעבעדיג אין גן עדן".

"**איז** פון דעם דארפן מיר זיך ארויסלערנען אז מען טאר קיינמאל נישט פרעגן קשיות אויפן אייבערשטן, ווייל וואס אימער עס געשעהט נאר, איז דאס אייביג נאר צום גוטן".

**און** אין אמת'ן דארף מען אריינטראכטן, וועלכע ספעציעלע מדה האט פינחס געהאט, וואס דאס האט איהם צוגעברענגט זיך צו קענען שטארקן מיט אמונה, זעענדיג זיך 'אויסגעשפילט' און 'אנדערש' פון א יעדעם, כאטשיג ער איז געווען אן אייניקל פון אהרן פונקט אזוי ווי יעדעם, און נאך דארף מען פארשטיין, אין וועלכע מדה האט ער זוכה געווען זיך אויסצוארבעטן אזוי שטארק, ביז ער האט זוכה געווען צו די דרגה צו קענען ארויפליען אין הימל לעבדיגערהייט.

**» וועלכע גרויסע נס האט די באשעפער אינטערגעפירט אז פינחס זאל קענען באקומען דאס וואס קומט זיך איהם**

**עס** שטייט אין די תורה סוף פרשת בלק (כה, ו) וְהִנֵּה אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל בָּא, וַיַּקְרֵב אֶל אֶחָיו אֶת הַמִּדְיָנִית לְעֵינֵי מֹשֶׁה וּלְעֵינֵי כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וְהֵמָּה בֹּכִים פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד, און **רש"י** איז מסביר "המה בוכים: עס איז פארהוילן געווארן פון זיי די הלכה (אז ווער עס איז בועל א גויטע מעגן 'קנאים' איהם הרג'ענען), האט א יעדער אויסגעבראכן אין א געוויין, ווייל ביים עגל האט מען געזעהן ווי משה רבינו איז געשטאנען אליין פאר זעקס הונדערט טויזענט מענטשן, און אויסגעפירט זייער שטראף, און פלוצלונג דא, זענען זיינע הענט שוואך געווארן, נאר דאס איז געווען כדי פינחס זאל הרג'ענען זמרי'ן, און זאל באקומען דאס וואס קומט זיך איהם".

**און** אין ספר **שם דרך** איז מאריך און מסביר א וואונדערליכע זאך וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון דעם, ווי פאלגענד: "פון דא לערנען מיר ארויס, ווי ווייט פונקטליך איז די השגחה פרטית פונעם אייבערשטן, אז עס ווערט קיינמאל נישט צושטערט דאס וואס קומט זיך פאר א מענטש, אזוי ווי בן עזאי זאגט (יומא לח:) אויפן פסוק "בשמך יקראוך, ובמקומך יושיבוך, ומשל יתנו לך', אז א מענטש רירט נישט צו, צו וואס עס איז אנגעגרייט פארן חבר, אפי' נישט קיין האר, און קיין איין מלכות רירט נישט צו צו איר חבר, אפי' נישט קיין האר", און **רש"י הק'** איז מסביר, "בשמך יקראוך, א מענטש זאל נישט דאגה'ן אז א צווייטער וועט איהם צונעמען זיין פרנסה, ווייל בעל כרחך וועט מען דיר רופן צו זיצן דארט אויף דעם פלאץ, משלך יתנו לך, דאס הייסט, דאס איז נישט קיין מתנה פון אנדערע, נאר דאס איז דיין פרנסה וואס איז באשערט געווארן פון הימל".

"**און** די הנהגה איז אזוי וואונדערליך, אז כדי אז מענטש זאל טאקע באקומען פונקטליך וואס קומט זיך איהם, וועט די באשעפער אינטערפירן אפי' גאר וואונדעליכע זאכן, אלעס כדי דער מענטש זאל באקומען דאס וואס קומט זיך איהם, אזוי ווי מיר זעען די וואונדערליכע זאך וואס איז געשעהן דא ביי פינחס, אז די באשעפער האט אינטער געפירט אז משה רבינו - וועלכער איז געווען רבן של ישראל, און וואס מיט זיין שטארקן כח האט ער געקענט שטיין אקעגן זעקס הונדערט טויזענט מענטשן, און ער האט נישט מורא געהאט פון קיין מלאכים, ווען ער איז ארויף אין הימל מקבל צו זיין די תורה - איז פלוצלונג דא פארהוילן געווארן פון איהם די הלכה, אלעס כדי פינחס זאל זוכה זיין צו באקומען וואס עס קומט זיך איהם".

"**טראכט** אריין ווי וואונדערליך דאס איז, חז"ל זאגן דאך (**סוטה** ט.): "אז ר' חיננא בר פפא האט גע'דרש'ענט, וואס איז דאס וואס שטייט (תהלים לג, א) רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּה' לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה, ליין עס נישט נאוה תהלה נאר נְוֵה תהלה, דאס איז משה און דוד וואס די שונאים פון די אידן האבן נישט געקענט שולט זיין אין די זאכן וואס זיי האבן געמאכט, אזוי ווי עס שטייט (איכה ב, ט) טָבְעוּ בָאָרֶץ שְׁעָרֶיהָ, און די פיינט האבן נישט געהאט קיין שליטה אויף די טירן פון דוד המלך, און  משה רבינו זעהט מען, פון דעם וואס עס שטייט אז ווען עס איז געבויעט געווארן די ערשטע בית המקדש איז נגנז געווארן די אהל מועד מיט די קשרים קרסים בריחים עמודים און די אדנים פונם משכן". און נאך זאגן אונז חז"ל (עי' **אור החיים הק'** דברים א, לז) אז ווען משה רבינו וואלט אריינגעגאנגן אין ארץ ישראל וואלט קיין איין פאלק נישט געקענט שולט זיין אויף די אידן".

"**קומט** אויס פון דעם, אז אויב אויף די זאכן וואס משה רבינו האט נאר געמאכט מיט די האנט, זענען נצחיות'דיג, און עס קען נישט בטל ווערן, כ"ש וק"ו אז די תורה הקדושה וואס משה רבינו האט געלערנט מיטן אייבערשטן, אז עס וואלט נישט געדארפט קענען בטל ווערן פון איהם, נאר אוודאי איז

עס פשוט געווען א נס, וואס די באשעפער האט אינטערגעפירט, כדי אז פינחס זאל באקומען דאס וואס קומט זיך איהם".

**און** ער איז דארט ממשיך מיט דורכדרינגליכע ווערטער, ווי פאלגענד: "ווי נאריש און לאכעדיג איז דער מענטש, וואס פלאגט זיך און מוטשעט זיך אנצוקומען צו עפעס א פאסטן, און ער ווייסט נישט אז זיין גאנצע פלאג איז אומזיסט, ווייל וואס עס קומט זיך איהם וועט סיי ווי אנקומען צו איהם, אפי' אויף וואונדערליכע אופנים, וואס די באשעפער וועט אינטער פירן, און וואס עס קומט זיך איהם נישט, איז וואס אימער ער וועט נאר טוהן, און וויפיל ער וועט זיך נאר פלאגן, וועט דאס איהם גארנישט העלפן, און אדרבה, עס איז זייער מעגליך אז ער וועט זיך גאר קאליע מאכן מיט דעם דאס וואס איז איהם יא באשערט, און ער וועט נאך גורם זיין צער אדער אן עוולה פאר אנדערע".

**דער אלטער פון קעלעם ז"ל** פלעגט זאגן, אז מען זעהט אז די תורה דריקט זיך נישט אויס מיט די ווערטער "פן תאמר (-טאמער וועסטו זאגן) כוחי ועוצם ידי עשה לי החיל הזה" (דברים ח, יז) נאר די תורה זאגט מיט א זיכערקייט "ואמרת בלבבך" (-די וועסט זאגט), ווייל דאס איז א טבע וואס איז אריינגעווארצעלט אינעם מענטש, אזוי צו רעדן און טראכטן.

**און** ווען א מענטש וועט אריינטראכטן, וועט ער זעהן ווי ווייט ער איז ליידער ארומגענומען מיט אזלעכע חשבונות און מחשבות א גאנצן טאג, ווייל א יעדער איינער ווייסט דאך ביי זיך, וויפיל ער איז פארנומען מיט די מדות פון קנאה, תאוה און כבוד, און א מענטש וואס לעבט, גלייבט און איינערקענט, אז אלע זיינע כוחות און תכונות, דערגרייכונגן און השגות, קומען נאר פונעם אייבערשטן, און א מענטש קען דאס נישט אליין נעמען, איז נישט מעגליך אז ער זאל צוקומען מקנא צו זיין א צווייטן אדער נאכצולויפן כבוד.

"...ווייל וואס עס קומט זיך איהם וועט סיי ווי אנקומען צו איהם, אפי' אויף וואונדערליכע אופנים, וואס די באשעפער וועט אינטער פירן, און וואס עס קומט זיך איהם נישט, איז וואס אימער ער וועט נאר טוהן, און וויפיל ער וועט זיך נאר פלאגן, וועט דאס איהם גארנישט העלפן..."

### » צו דען איז יוסף הצדיק נכשל געווארן אין זיך פארלאזן אויף א בשר ודם?

**ר'** עקיבא איגר ז"ל איז מסביר די פסוקים וואס שטייט ביי יוסף הצדיק, אז ער האט געזאגט פאר די שר המשקים (בראשית מ, יג) "והשיבך על כנך ונתת כוס פרעה בידו 'כמשפט הראשון' אשר היית משקהו", און מען דארף פארשטיין וואס האט ער געמיינט צו דריקן מיטן זאגן 'כמשפט הראשון', און בכלל דארף מען פארשטיין די באקאנטע שאלה, ווי אזוי האט יוסף זיך פארלאזט אויף א בשר ודם אז ער וועט איהם ארויס העלפן פון זיין צרה.

**איז** ער מסביר זייער שיין, אז די טבע פון א פשוט'ע מענטש איז, אז ווען ער איז נכשל געווארן אין עפעס, איז די קומענדיגע מאל וואס ער גייט דאס טוהן, פראבירט ער דאפלט אכטונג צו געבן אז ער זאל נישט נאכאמאל נכשל ווערן, און טראכט און ליגט אין א מורא'דיגע אנגעצויגענקייט אז עס זאל אלעס גיין כשורה, ממילא האט יוסף הצדיק פארשטאנען אז דאס זעלבע גייט אויך זיין מיטן שר המשקים ווען ער וועט צוריק געשטעלט ווערן אויף זיין שטעלע.

**דעריבער** האט יוסף איהם געוואלט ארויס נעמען פון אזא וועג פון לעבן, און האט איהם אויפגעקלערט און געזאגט, אז ער זאל זיך נישט איינרעדן אז ער קען טוישן פון וואס די באשעפער איז גוזר, און אויב עס איז באשערט פאר איינעם צו גיין אין תפיסה וועט איהם נישט העלפן קיין שום השתדלות זיך ארויסצודרייען פון דעם, דעריבער האט ער געזאגט אז ווען ער גייט צוריק צו זיין פאסטן, זאל ער טוהן זיין ארבעט געהעריג 'כמשפט הראשון', און נישט נשפע ווערן פון וואס ער איז נכשל געווארן אין געזעצן אין תפיסה, ווייל אין אמת'ן איז די גאנצע סיבה פארוואס ער איז געזעצן אין תפיסה, געווען נאר כדי ער זאל קענען יוסף, און הערן זיין אומשולד, און דאס איבערגעבן פאר פרעה, אבער נישט ווייל ער האט עפעס נישט גוט געטוהן.

**קומט** אויס אז דאס זאגן 'כי אם זכרתני' איז בכלל נישט געווען א בקשה פון יוסף'ן צום שר המשקים, נאר דאס איז געווען א טייל פון א דרך החיים וואס יוסף האט געלערנט דעם שר המשקים.

### » ווי גרויס איז די מדה פון 'תמימות'

**די** 'שם משמואל' (אין פרשת אמור, תר"ע) ווען ער איז מבאר די טעם פארוואס איז די איסור פון טומאת מת געגעבן געווארן נאר פאר כהנים, שרייבט ער ווי פאלגענד: "די חטא פון אדם הראשון ביי די עץ הדעת איז געווען אז עס האט געפעלט די מדה פון 'תמימות'. ווייל תמימות מיינט, אז א מענטש זאל נישט חוקר זיין וואס גייט זיין, נאר ער זאל מקבל זיין און גלייבן אז אלעס וואס די אייבערשטער פירט איהם אינטער איז נאר פאר זיין טובה, ממילא ווען דער נחש האט זיי געזאגט, אז די באשעפער וויל נישט אז זיי זאלן עסן פונעם עץ הדעת כדי זיי זאלן נישט ווערן אליין אזוי ווי די באשעפער כביכול, האבן זיי געדארפט טראכטן, אז אודאי האלט נישט די באשעפער צוריק קיין שום גוטס פון די וואס גייען בתמימות, און אויב האט ער דאס צוריק געהאלטן פון זיי, איז אפי' אויב עס זאל זיין אמת וואס די נחש זאגט, איז אבער די רצון ה' אז זיי זאלן נישט זיין אזוי".

**און** וויבאלד עס האט איר געפעלט די מדה פון תמימות האט געקענט חל זיין די ענין פון מיתה, ווייל די ענין פון מיתה - שטייט פון אר"י הק' ז"ל - אז עס נעמען זיך צוזאם אזויפיל כוחות הטומאה ביז ווען די נשמה קען שוין נישט אויסהאלטן די טומאה, און דעריבער גייט זי אוועק פונעם מענטש. אבער דער וואס איז מיטן אייבערשטן אין זיין חלק (אזוי ווי רש"י (דברים יח, יג) איז מגדיר די ענין פון תמים) קען קיין שום שלעכטס זיך נישט דערנענטערן צו איהם, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (תהלים ה, ה) "לא יגורך רע", נאר וויבאלד זי האט נישט געהאט די תמימות, האבן זיי געמאכט פלאץ אז די כוחות הטומאה זאלן קענען זיך דערנענטערן צו זיי, און אזוי ארום האבן זיי גורם געווען די מיתה".

"**אבער** יעקב אבינו וואס איז געווען אן איש תם, איז טאקע נישט געשטארבן, און דאס איז וואס שטייט ביי יעקב אבינו ע"ה (בראשית כז) "ואנכי איש חלק", און עס שטייט אויף דעם אין מדרש (בב"ר פ' סה) "אזוי ווי עס שטייט "כי חלק ה' עמו יעקב", און די כוונה פונעם מדרש איז, אז יעקב האט געענטפערט פאר זיין מאמע'ן, אז מען דארף נישט מאכן קיין שום השתדלות מקבל צו זיין די ברכות, וויבאלד די באשעפער גיבט איהם דאס נישט, ווייל דאס איז די מדה פון תמימות, צו זיין אין די חלק פונעם אייבערשטן און נישט חוקר זיין וואס גייט זיין, און אויב וועט זיין באשערט פון הימל אז ער זאל באקומען די ברכות, וועט ער דאס באקומען אפי' אהן השתדלות, און דעריבער איז ער נישט געשטארבן". ביז דא זענען די פייערדיגע ווערטער פונעם שם משמואל.

**און** לויט דעם קען מען שוין פארשטיין, אז דאס איז געווען די געוואלדיגע מדה פון פינחס, מיט וואס ער איז בייגעשטאנען די נסיון, ווייל אפי' ער האט געזעהן אז זיין גאנצע משפחה ארום, דינען אלץ כהנים, און נאר ער איז נישט געזאלבט געווארן אלץ כהן, האט ער דאס אבער מקבל געווען מיט די גאנצע תמימות און התבטלות, אז וויבאלד דאס איז די רצון ה', איז דאס די בעסטע און ער וויל נישט עפעס אנדערש, און דורך דעם איז צום סוף ארויסגעקומען די געוואלדיגע טובה, אז ער איז אליין געווארן א כהן, און אז אלע כהנים גדולים וואס זענען געווען אין בית ראשון און בית שני, זענען געווען פון זיינע יוצא חלציו.

**און** דאס איז אויך די מדה, וואס דורך דעם האט ער זוכה געווען צו די געוואלדיגע דרגה, ארויף צוגיין אין הימל לעבעדיגערהייט, ווייל ווי דערמאנט פריער, אז די כח פון תמימות מאכט אז א מענטש זאל מתקן זיין די חטא פונעם עץ הדעת, און דעריבער איז נישט חל אויף איהם קיין מיתה, און אזוי ווי עס איז געווען ביי יעקב איש תם.